STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01493

SHABES OYFN TRAKT

Herszele

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערשעלע

שבת אויפן טראַקט

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

שבת אויפן טראַקט

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

הערשעלע

שבת אויפֿן טראַהט

ב מ ר

װאַרשע 1929

H E R S Z E Ł E
SZABES ojfen TRAKT
Druk. „R E K O R D"
Warszawa, Dzika 18.

הקדמה

הערשעלע — אַ מענטש האָט זיך אויסגעקליבן אַ נאָמען, אַ פאַרצערטלט-פאַרצויגענעם נאָמען פון אַ קינד און טראָגט אים זיין גאַנץ לעבן.

הערשעלען געפעלט אַ הערשעלע צו זיין און מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער צו געדענקען, וואָס ער האָט מיט צענדליקער יאָר פריער נישט געקאָנט פאַרגעסן; ווייל עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווייל עס איז אַזוי גוט געווען, — עס איז דאָך אַזוי גוט אַ קינד צו זיין.

מיר אַלע האָבן גרויס איילעניש צו דערפאַרנקייט, מיר יאָגן זיך צו זיין דערוואַקסענע. אַזוי קלוג איז אונדזער צייט, אַז מיר האָבן פשוט נישט קיין צייט נישט-קלוג צו זיין.

אָבער ווי פלעגן זאָגן אונדזערע באָבעס: פון קליינע קינדער האָט מען קליינע צרות, און פון גרויסע — גרויסע צרות.

און הערשעלע זינגט פון אַזעלכע קליינע יסורימלעך, אַז עס איז פשוט א מחיה און אַ טרייסט צו זען ווי שנעל מען האָט אַמאָל (ווי לאַנג איז עס דען? בסך-הכל אַ יאָר 20—30) געקאָנט געטרייסט זיין.

די וויטאָקן זענען חנעוודיק אין זייער קוים-באַמערקבאַרקייט, וועקן אינטימיטעט דורך זייער באַשיידנקייט און דראָבנעקייט.

דאָס שטעטל — שבת — שאָסיי — קלאָר טייכל — תשליך — ערב סוכות — זומער-לעב — פאַרן טויער וואַרטן — שכנים-רכילות - יינגל מיידל-עגמת-נפשן זענען פינטלדיק, רייצנדיק, קליין און צעשאָטן

ווי קעפלעך מאָן, כאָטש נעם קלייב זיי צוזאַמען, נעם פאַנאַ־דער מיט אייל און צוקער און מאַך אַ געשמאַק מאָן־קיכל...

הערשעלע איז דער זאַמלער פון זיס־פאַרצערטלטקייטן, פון פאַרקינדישטע ציטעריקייטן.

קליידלעך, פערדלעך, לעקעלעך, שייבעלעך, פינגערלעך, בעטעלעך, פענצטערלעך — אָט אַזוי אויסגעפּיעשטשעט זענען הערשעלעס לידער.

הא? וואָס האָב איך געזאָגט? לידער? איר מוזט מיר אַכצן מאָל אַנטשולדיקן. כ'האָב זיך באַנוצט מיט אַ וואָרט, וואָס איז אינגאַנצן נישט אין הערשעלעס סטיל.

ווייל די געשיכטע דערציילט (די געשיכטע פון אַ קינד וואָס האָט געלעבט און געלעבט ביז עס איז געוואָרן אַ קינד) יאָ, הייסט עס, די געשיכטע דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק האָט ביי יידן געלעבט אַ גרויסער שטערנזעער־דיכטער. פרץ — האָט ער געהייסן. איז איינמאָל אין אַ טאָג, צי אין אַ נאַכט (איך קאָן אייך נישט זאָגן גענוי) האָט ער דערהערט ווי אין זיין צימער האָט דאָס גלעקל אַ קלונג געטון, האָט ער אויפגעעפנט די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ:

— צאָ כצעש מאָלי?

— יאַ מאַם לידלעך — האָט געענטפערט הערשעלע.

— איר זעט שוין, אַז כ'האָב מיך נישט ריכטיק אויסגע־דריקט. אוודאי אַזוי: לידלעך. ווען עס זאָל זיין: לידער — וואָלט קיין הערשעלע נישט געווען. ביי אים ווערן אפילו פון טרערן — טרערעלעך, פון מלאכים — מלאכימלעך.

און ביים סוף אַ פּאָר ווערטער. צו וועמען? צו רבותי.

אויב איר וועט קומען מיט אַ טענה: וואָס וואָלסטו געזאָגט, ברודער, ווען עמיצער אַן אַנדערער זאָל דיר היינט ברענגען אַזעלכע לידלעך?

וועל איך זאָגן: ווען עמיצער אַן אַנדערער ברענגט מיר היינט, טאַקי היינט, דעם 27־טן פעברואַר 1929 אַזעלכע פערזן, וואָלט מסתמא צווישן מיר מיט אים פאָרגעקומען אַזאַ דיאַלאָג:

א י ך: אונדזער צייט האָט נישט קיין צייט פאַר אַזעלכע זאַכן. אַזוי האָט מען געשריבן מיט 25 יאָר צוריק.

ע ר: אַזוי? (זייער תמעוואַטע) איך ווייס גאָרנישט. ווער האָט עס דעמאָלט אַזוי געשריבן?

א י ך: מיט 25 יאָר צוריק האָט ה ע ר ש ע ל ע אַזוי געשריבן:

אָבער ווען הערשעלע אַליין קומט מיט אַזעלכע זאַכן, דאַן מוז מען זאָגן:

— אַך, הערשעלע! ברוך הבא אַ ייד. פון וואַנען קומט איר? פון שטעטל? ווי גייט עס אייך? זיצט. וואָס מאַכט דאָרט די שיינע זלאַטקע? און צירל? און שרהלע? און צפורקע? און די בחורים וואָס באָדן זיך אין טייכל ביי דער כאַטקע?

און אַזוי ווי הערשעלע איז נישט קיין גרויסער בעל-דברן וואָלט מיר אוודאי אויסגעקומען אַליין אונטערצוהאַלטן דעם גע-שפרעך. וואָלט איך געזאָגט אַ שטייגער:

-- אַ מאָדנער מענטש איר זענט, הערשעלע, גענומען אַ נאָמען פון אַ קינד און טראָגט אים דאָס גאַנצע לעבן.

ישראל שטערן

אָוונט-שפּאַציר

פון אַלע הייזער,
פון אַלע שטיבן,
די שענסטע קווייטן
צונויפגעקליבן.

די צאַרטסטע רויזן,
די בעסטע בלומען;
אין בונד פאַרפלאָכטן,
אין שטרויס פאַרנומען.

צעשטעלט אין רייען,
פאַריינט אין פּאָרן;
אַ קראַנץ פאַראייביקט,
אויף לאַנגע יאָרן!

פאַרגייט געפּורפּורט
די זון אין הימל,
פאַרפולט די גאַסן
אַ העל געווימל...

עס רייצט און פינקלט
אַ ים קאָליערן!
מען קאָן פון שימער
געשטרויכלט ווערן...

פארן מזווג-זווגים

— א —

און מלאכימלעך האָבן זיך דערמאָנט,
און מלאכימלעך האָבן גאָט באַטאָנט:

אויף דיין וועלטעלע שוועבן מיר ארום,
אויף דיין וועלטעלע לעבט זיך גוט און פרום.

דורך די שטעטעלעך היט מען פריי דיין וועג,
דורך די שטעטעלעך מערט זיך דיין פארמעג.

פאר די געסעלעך האַלטן מיר די וואך,
פאר די געסעלעך איז דאָ גליק א סך.

אין די הייזעלעך קומען מיר אריין,
אין די הייזעלעך שמעקט עס ווייל און פיין.

ביי די מענטשעלעך ווײלט מען טעג און נעכט,
ביי די מענטשעלעך פירט זיך אַלץ מיט רעכט...

— ב —

און מלאכימלעך האָבן זיך דערמאָנט,
און מלאכימלעך האָבן גאָט באַטאָנט.

אין געלעגערל שלאָפט אַן אָרעם פרוי,
אין געלעגערל צערטלט ס'קינד אין שטרוי —

דורכן פענסטערל פּאַרביק בלענדט די זון,
דורכן פענסטערל — גילדט זיך אַלץ דערפון...

שטרעקט די הענטעלעך צו דעם שטראַל דאָס קינד,
שטרעקט די הענטעלעך — כאַפּן אים געשווינד...

זעט די מאַמעניו וואָס דעם קליינעם גלוסט,
זעט די מאַמעניו — שטופּט׳ס צום מויל די ברוסט...

שטיקט זיך ס׳נעבעכל פון דער פרייד געשטערט,
שטיקט זיך ס׳נעבעכל ס׳לעבן־לאַנג פאַרצערט...

— ג —

און מלאכימלעך האָבן זיך דערמאָנט,
און מלאכימלעך האָבן גאָט באַמאָנט:

אויף איר בעטעלע דרימלט זאַנפט אַ ווייב,
אויף איר בעטעלע — טוליעט ס׳קינד צום לייב —

דורך די שייבעלעך שיינט לבנה קלאָר,
דורך די שייבעלעך — זילבערט אַלץ אויף וואָר...

ציט די פינגערלעך נאָכן זילבער ס׳קליינס,
ציט די פינגערלעך — פּאַקן עס אַריינס...

מערקט׳ס די זייגערין, וואָס דאָס קליינע וויל,
מערקט׳ס די זייגערין — שמייכלט פונם שפּיל...

קוועלט דאָס עופהלע פונם לוסט געקוויקט,
קוועלט דאָס עופהלע ס׳לעבן־לאַנג באַגליקט...

— ד —

און מלאכימלעך האָבן זיך דערמאָנט,
און מלאכימלעך האָבן גאָט באַמאָנט.

הערט עס גאָטעניו, ווייסט צו אַלץ א הייל,
הערט עס גאָטעניו איבער טויזנט מייל.

לינד און וואַרעמלעך קומט די זומער־צייט,
לינד און וואַרעמלעך פרייט זיך גאָט און לייט...

נעמט עס אדם׳ען דרימלען שוין פאַר פרי,
נעמט עס אדם׳ען חלומען: גאָלד און מי...

הייבט עס חוהלען שלעפערן באַלד שפעט,
הייבט עס חוהלען חלומען: זילבער — גרעט...

ביידע קינדערלעך יאָגט עס פון געצעלט,
ביידע קינדערלעך טרעפן זיך אין פעלד — —

— ה —

און מלאכימלעך האָבן זיך דערמאָנט,
און מלאכימלעך האָבן גאָט באַמאָנט.

איז א חתונה אינם מיטן מאַרק,
איז א חתונה אויפן קהלס קאַרק. —

וואַכט דאָס שטעטעלע פון מוזיק באַקראַנצט,
וואַכט דאָס שטעטעלע יום־טובדיק צעטאַנצט...

שימערט גילדערן העל די זון בײטאָג,
שימערט גילדערן — לאָזט נישט צו קײן קלאָג!

פינקלט זילבערן לויט לבנה נאַכטס,
פינקלט זילבערן — װײסט מען פון קײן שלאַכטס.

בײדע חברה — מאַן און װײב פאַרליבט,
בײדע חברה לעבן לאַנג פאַרקניפּט — — —

— ו —

און מלאכימלעך האָבן זיך דערמאָנט,
און מלאכימלעך האָבן גאָט באַטאָנט...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

נדן

אַרבעט, אַרבעט, מיידעלעך!
אַרבעט טאָג און נאַכט;
נייט זיך בליוזקעס, קליידעלעך,
פּוצט זיך אויף — אַ פּראַכט!

חושכי אָפּ ביים נייטיקן,
מאַטערט זיך און קרענקט;
פאַר די אַלע ווייטיקן,
ווערט איר גוט באַשענקט...

קוקט נישט אויף די טרערעלעך,
רוחות, מי און פלייס;
צירט דעם האַלדז מיט פּערעלעך —
קאָסטן מעג עס שווייס...

צאַפּלט אייך דאָס הערצעלע,
זייט זיך נישט מצער —
פון יעטוועדן שמערצעלע,
קומט אייך צו אין באַר...

בלייכן אייך די בעקעלעך —
שטערט זיך נישט די רו;
פלעכט נאָר אין די לעקעלעך
נאָך אַ שלייפל צו...

לעשן אייך די פייערלעך
אין די אויגן איין —
זאמלט נאָר די דרייערלעך,
האָט איר טויזנט חן...

קרזמט און ברעכט די פינגערלעך,
קלייבט צונויף נדן;
וואָס מען האָט מער קלינגערלעך —
בעסער איז דער מאַן!..

וואָס אין הוט מער פעדערן,
פיינער פוץ ביים לייב —
מער געפעלט מען יעדערן
פאַר כּלה און פאַר ווייב...

אלאַ — היינע

אברהם וויל דבורהן האָבן,
זי נאָר דווקא משהן;
אָבער משה וויל זי בעסער
פאַר אַ צווייטע טוישן...

שמייכלט אברהם צו דבורהן —
ווענדט זי אים דעם רוקן;
חנט זי זיך צו משהן ווייטער —
וויל ער גאָרנישט קוקן...

אַזוי ליבן זיי מינוטן,
בענקען גאַנצע יאָרן;
און דער מזווג־זווגים שפּילט זיך —
פּאָרט זיך זיינע פּאָרן...

אַ ליבע־דערקלערונג

דרויסן איז אַ נאַכט, אַ שיינע
אַ דורכזיכטיק העלער אָוונט, —
פריש און לופטיק, א מחיה!
די לבנה מיט די שטערן,
אויפן סאַמעט־שוואַרצן הימל,
לייכטן, פינקלען ווי בריליאַנטן...

אַלע דעכלעך, פאַציאַטן,
אויף די נידריק קליינע הייזלעך, —
ווי די זקנים צו הקפות;
איינגעהילט אין שניי־עטרות
אויסגעפוצט מיט זילבער־פונקען
שעמערירן ווי שמאראגדן...

טרוקן ווייעט דורך א ווינטל,
שטום פאַרגנבעט זיך א פרעסטל.
רוימט די געסלעך אָפּ פאַמעלעך — — —
שפּאַרט דעם עולם איין צופרידן
אין די שטובן און חדרים,
איינגעשלעפט אין תענוג־שבת...

פרייטאָקנאַכטס, אין קיך איז ליכטיק,
אויפגערוימט אין אַלע ווינקלען
צוגעפיצט, מיט זאַמד געשאָטן
אויפן ריינעם ווייסן טישטוך
רייכערן די לעצטע פלעמלעך
פון די בענטשליכט אין די לייכטערס.

נעבן איינגעהייצטן אויוון,
אויף אַ הילצן קיכנבענקל,
זיצט די בעל-הביתטע רויק;
אָנגעקליידט אַ וואַרעם יאַקל,
אויסגעפּרעסט דאָס שבת-הייבל,
שפּיגלט זי זיך און איר פּעמפּיק...

האַלט אים אויפן שויס צעשמייכלט,
קעמט און קרייזלט אים די גזשיבע,
זיינע זילבער-בלאָנדע הערלעך;
לעקט אים האַרציק אויס די אייגלעך.
קושט אים זאַנפט די רויזע בעקלעך, —
אַ צופרידענע פון נחת...

ליבלעך קנייפּט עס זיך ביים העמדל,
קוקט איר אין דעם אָפּן פּנים,
פּרעסט איר היימיש צו די ליפּן;
צופּט איר מיטן רעכטן הענטל,
פאַר איר חנעוודיקער גאָמבע,
און צעכיכעט זיך מיט שמחה...

ביי דעם לעמפּל שטייט איר זינדל,
ערשט נישט-לאַנג אַרויס פון חדר,
אָנגעקליידט א סאַמעט היטל;
זיינע פאילעך געקרייזלט,
אויפן האַלדז אַ זיידן-טיכל,
ווי אין שנופּס פאַרשלייפט פון פאַרנט. —

האַלב דעם קאָפּ אַראָפּ געלאָזן,
זיינע בליקן איינגעגראָבן,
אינם ביכל מיט אַ חשקות;
לייענט ער וואַרעם און געלאַסן,

פאַר איר איבער מיט פאַרגניגן,
„הערשעלע" פון דינעזאָנען. —

זיינע פורפיר באַקן פלאַמען,
זיינע אַפל שפּריצן פונקען,
קוועלן ליבלעך זיס פון אַלעם;
זיינע לעפצן שעפּטשען ערנסט,
ריידן שאַרף אַרויס די ווערטער
און פאַרקלונגען ס׳קליינע שטיבל.

ליכטיק שיינט דעם קליינעמס צורה
העל פאַרכישופט פון די בליקן
בייגט אויס זייטיק קרום דאָס קעפּל
פּאַטשט די הענטעלעך צוזאַמען
פול מתיקות, פול גדולה
און צעפּלאַטערט ווי א מלאך...

ביידע שכנות פון אַקעגן,
פרומע ווייבלעך — אשה־צנועות;
אויסגעצירט דעם האַלדז מיט פּערל,
אָנגערוקט די טיפע קאָפּקעס,
ביז אַריין אין האַלבן שטערן, —
האָרכן צו אים במנוחה. —

יעדע האַלט ביים שויס די טאָכטער —
יונגע מיידלעך, ליבע כלות, —
ריין געוואַשן, קלאָר געצוואָגן
גלאַט פאַרקאַמט די לאַנגע לאָקן,
פיין פאַרפלאָכטן זייערע צעפּלעך,
גרייט צו שטעלן פאַר חתנים...

איינע בלאָנד, מיט בלויע אויגן,
קלאָרע באַקן — בלוט און מילעך,
רויטע ליפּן ווי קאָראַלן;
שלאַנק די צווייטע, אַ שאַטינקע,
שוואַרצע אַפּל, — הדס-בעקלעך,
צאַרט די ליפּעלעך פאַרביסן...

אַלע זענען ווי פאַרחלומט,
האָרכן צו דעם יונגן בחור,
ווי ער לייענט זיי פאָר די מעשה;
לייענט און ענדיקט די געשיכטע,
לאָזט אַרויס אַ זיפצט אַ שווערן,
און פאַרשעמט זיך פאַר די מיידלעך...

———

ליב דערהייבט זיך די בלאָנדינקע
נעמט דעם פּעמפּיק פאַרן הענטל,
זאָגט אים מיט אַ מילדן שמייכל:
— ליבסט דיין ברודערל מסתמא,
קושסט אים שטענדיק דאָך אוודאי
גיב אים איצט אַ קוש, מיין לעבן...

זאַפּט דאָס מיילעכל געעפנט,
אויפגערייטלט פון התפעלות
בייגט דאָס מלאכל זיין קעפּל;
און מבולבל פון דער צאַרטקייט
שלינגט דאָס ברודערל די ווערטער
יעדער תנועה פול מיט תמימות...

ביידע האַלדזן זיך צעוואַרעמט
האָרכן גערן איר בקשה,
און צעקושן זיך דערצונדן;
אויך די מיידלעך ווי פאַרשיכורט,

אומגעקלאמערט פון התלהבות,
לאָזן פאַלן האַלב די ברעמען...

מען דערהערט אין טיפן שווייגן,
ווי די יונגע הערצער קלאַפּן,
ווי זיי סודן זיך בחשאי;
און אַ פייערל, אַ הייליקס,
נעמט אַדורך דעם יונגן עולם -
און פאַרוויגט זיי אין חלומות...

— — — — — — — — —

אינם ווינקל, דורכן פענסטער,
שטעקט „אַמאָר" אַריין זיין צורה
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן:
אויסגעשאָסן האָט זיין בויגן,
אינם ציל אַריינגעטראָפן —
אויפגעהייטערט אַלץ פון ליבע...

שבת־ליבע

(אידיליע)

וואַרעם שיינט די זון אין הימל,
און פאַרשלעפּערט אַלץ אין דרימל;
שימערט, פאַרבט זיך העל אין רונדן,
אין אַ גאָלדן פלאַם דערצונדן...

אויפן מאַרק, אין אַלע גאַסן,
שלענגלען זיך די בלייכע פּאַסן,
פון די שאָטן ביי די הייזלעך —
קוקן שטאַר אויף אַלץ און ביזלעך.

טרעפן קיינעם נישט אַנטקעגן,
וועם צו שטרויכלען אויף די וועגן;
און דערהייבן זיך אַלץ העכער,
צו פאַרדעקן שטום די דעכער...

נאַריש שטייען די פּאַנאַרן,
אויף די ליידיקע טראָטואַרן;
לאַכן אויס דעם בלאַסן שאָטן, —
פּרעגלען זיך אין ליכט און בראָטן.

אַלע קיימען, אַלע שינדלען,
גרין פון שימל־בלישטשען, שווינדלען;
הילן, טינקן זיך געדיכטער
אין די שיינע הימל־ליכטער...

אַלע לעדן, פענסטער, טירן,
צו, פאַרהאַמערט, — נישט צו רירן;
באָדן זיך אין ים פון פייער —
אַזוי פּרעכטיק! אַזוי טייער!

אַלע כאַטקעס, ווי די שכנים,
טוליען זיך צונויף איינעם;
און פאַרשלומערן, פאַרוויגן,
איינס ביים צווייטן אין פאַרגניגן...

* *
*

שבת איז עס, נאָכן קוגל,
אַלץ פאַרמאַכט אויף טויער, ריגל;
צו, פאַרשלאָסן אין די שטיבן —
יעדער אין זיין בעט פאַרקליבן.

יעדער אין זיין קליין געצעלטל,
איינגעדרימלט אין זיין וועלטל,
לאָזט זיך פירן פון חלומות,
אין די הערלעכסטע מקומות —

לאָזט זיך ווייזן פון מלאכים;
זייערע גאָט-געבענטשטע דרכים;
ווו דער תענוג, גליק און נחת,
שליסן שלום און יד-אחת.

* *
*

אינגל סעדל, נעבן קלייזל,
ביי די אַלטע פרומע-רייזל —
צווישן ביימער אין אַ ווינקל,
אינם שאָטן טיף אין טונקל. —

איינגעהילט אין גרינע צחייגן,
אויף אַ בענקל שטיל אין שווייגן,
ווי פאַרבאָרגן ווייט פון אַלע —
זיצן אייניק חתן-כלה:

ביידע רייטלען זאַנפט, בתמימות,
איינצעליולען זיך בנעימות;
אין די אָרעמס צו פאַרזונקען, —
ווי פון הימלס-פרייד באַטרונקען...

זייערע יונגע הערצער שלאָגן —
לעבנס-טריי זיך צו פאַרטראָגן;
צו די חופּה זיך צוקלייבן,
איינס אויף שטענדיק צו פאַרבלייבן...

זייערע הדס-באַקן ליבלעך —
שמייכלען, לאַכן מיט חן-גריבלעך;
שימערירן מילד און גלאַנצן,
ווי די עפּל — פּאָמעראַנצן...

זייערע קלוגע אויגן ברענען —
זין מיט חשקות צו באַקענען;
זין צעחנדלען, זיך צעווונקען,
ווי בריליאַנטן שפּריצן פונקען...

זייערע האָניג-ליפּן קוועלן —
קאַרשן-רויט און פּורפּור-קרעלן —
זיס פּערייניקט צו דערפרישן,
געטלעך-הימליש זיך צעקושן...

* *
*

איידל-צאַרט דעם קאָפּ באַוויגן,
אויף זיין אַקסל איינגעבויגן;
אָנגעלענט ווי אַ פּרינצעסן –
גרייט אין גליק זיך צופאַרגעסן.

וואַרפט זי בלאָנד די לאָקן איבער,
אויף זיין וואַרעמע ברוסט אַריבער
צירט זיך אויס אין פרילינג-שטראַלן,
ווי פון תמוז-ליכט באַפאַלן...

דריקט זיין רעכטע האַנט- פול פריידן,
צו איר האַרצן צו באַשיידן;
און פאַרטרוימט זיך אין רעיונות,
אין די הערלעכסטע דמיונות...

בלייבט אַנטשלאָפן מיט אַ שמייכל,
ווי שונמית אין איר היכל –
פונם קעניגס-האַנט אַנטשלייערט,
אין איר יוגנט-לוסט צעפייערט.

* *
*

אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ, דעם מידן,
אינם אייכנבוים צופרידן;
איינגעטוליעט אין אַנטציקן,
נאָענט צום האַרצן איר צו דריקן –

קאָן ער נישט פון שמחה זעטן,
איר די קרויזן-האָר צו גלעטן;
יך צו באָדן, זיך צו צוואָגן,
אינם גאָלדן ים זיך טראָגן...

זיך צו שפּילן אין די כוואַליעס
בייצוקומען דרייסט די סקאַלעס;
אויפצופלעכטן, אויפצוקעמען,
אירע לאַנגע צעפּ צענעמען.

פונם תהום אַרויסצוזיילן,
אין געמויזעכץ צו פאַרווייַלן;
צו צעוואַרפן איר די גזשיבע,
צו באַווייַזן זיך מיט ליבע —

אויפן שטערן, אויפן רייַנעם,
אָן אַ שטערעניש פון קיינעם,
לייכט דעם קלאָרן ברעג באַשפּריצן
מיט אַ קרויזן-לאַק באַפּוצן...

* *
*

אויס די גרין געדיכטע צווייַגלעך,
ווו עס טרילערן די פייגלעך;
און פאַרהילכן, און פאַרקלינגען,
ווייט אַרום מיט זייער זינגען.

ווו די פּירות, פלאַנצן, בלומען,
דופטן, שמעקן מיט פאַרפומען;
וואַקסן, בליען און פאַרשפּרייטן
טויזנט טעמים פון דערווייטן...

אויס די פּראַכטיקע פאַרהאַנגען,
גרינע בלעטער, בונטע זאַנגען, —
קוקט די זון אויף אַלץ אַרונטער —
אַזוי זיכער! אַזוי מונטער

קריינט זיי, מיט מתיקות, ביידע,
אָפן, פאַר כל־עם־ועדה, —
מיט אַ דיאַדעם־פּראַכט־באַפּוצונג,
אויף די קעפּלעך אַ באַשיצונג — — —

גאָט אַליין פאַרשפּרייט זיין חופּה,
און באַהיט זיי פון דער קליפּה —
קיינער זאָל זיי נישט פאַרשטערן
זיך אין ליבע צו דערקלערן...

שבת אין דערפעל־ע

אַ דערפעלע —
אַ ווערפעלע,
מיט אַ טוץ בנינים;
אַ שולעכל —
אַ שפּילעכל,
קוים פּאָר צוויי מנינים.

די וועגעלעך,
די שטעגעלעך
שטויב און קויט איינגאַנצן;
צעשפּילן זיך,
און הילן זיך
אין אַ וועלט פון פלאַנצן...

אַ ליכטיקע,
אַ ציכטיקע,
שטראַלט די זון אין הימל,
אין קוויקעניש,
באַגליקעניש,
וועקט זי אַלץ פון דרימל...

די יידעלעך,
ביי סעודהלעך,
קלייבן זיך צוזאַמען;
צעהיצן זיך,
פאַרשוויצן זיך,
אַז די שטערנס פלאַמען!...

די ווײַבעלעך
ווי טײַבעלעך,
האַלטן זיך אינאײנעם ;
און מענטשן זיך,
און בענטשן זיך —
ווי בײַ נאָענטע שכנים;

די מײדעלעך,
אין רעדעלעך,
גײען זאַכט שפּאַצירן:
און שכלען זיך,
פֿאַרשמײכלען זיך —
ווילן ווער פֿאַרפֿירן...

די בעקעלעך,
און לעקעלעך,
בלאַנקען קלאָר אַקעגן ;
און רײטלען זיך,
צעקווײטלען זיך,
שעמען זיך פֿאַרלעגן...

די אײגעלעך
ווי פֿײגעלעך
קוקן שטום, באַטריבטע ;
און וואַרפֿן זיך,
און שאַרפֿן זיך,
ווי עס טרעפֿט פֿאַרליבטע.

שפּאַצירנדיק,
באַרירנדיק,
זײער קינדער-שכל ;
דערפֿריש איך זײ,

פֿאַרמיש איך זיי
מיט מײַן האָניק־שמייכל..

פֿאַרנעמענדיק,
שטיל־שעמענדיק,
זייערע איידלע שמועסן,
דערהויבט עס מיך
בעגלויבט עס מיך
נחת צו געניסן...

שבת־פאַרגניגן

יעדן שבת, נאָכן טיש —
טאַטע-מאַמע דרימלען;
גנבעט זיך דאָס יונגוואַרג דורך —
היט זיך: נישט צו טומלען...

יעדער זוכט זיין מיידל אויף,
גייט זיך מיט איר איבער;
מען פאַרקלייבט זיך אויפן גרינס —
אונטער שטאָט אַריבער...

טרויעט מען זיך געאָרעמט אָן,
גליט מען, ווי אין פייער!
רעדט מען וואָס פון מויל אַרויס —
האַלט מען עס, ווי טייער...

קומט מען זיך אין קראַנץ צונויף, —
ווילט מען זיך דערונטער;
פירט מען אויף אַ ברוגז-טאַנץ —
פרישט דאָס האַרץ זיך אונטער...

רייעט מען זיך אין פאָר באַחנט,
נייגט מען זיך געלאָסן;
שטרעקט מען אויס די פיס אין [illegible]
מוז עס זיין צום פאַסן.

גרייפט מען זיך ביים טאַליע נעט, —
פלאַמט מען פון פאַרגניגן !
דרייט מען זיך אין ראָד געשיקט —
פלאַטערט מען אין ניגון.

טרעפט מען זיך אין ווי-זאַ-ווי —
קערט מען אָפּ וואָס גיכער ;
קריגט מען זיך אין האַנט צוריק —
פליט מען, ווי אין וויכער.

לענט מען ליב דעם קאָפּ אָן זייט,
האַלדזט מען זיך איינשטילן ;
טראָגט מען זיך אין לופט אַוועק
נישט די ערד צו פילן.

האַקט זיך מ׳ד דער ניגון אָפּ,
איז דער טאַנץ צו ענדע —
זעצט מען זיך באַרוט אין גראָז
וועבט מען אַ לעגענדע — — —

אַזוי ווײלט מען זיך אין פעלד
ביז מען זעט די שטערן ;
צינדט מען נאָר הבדלה-ליכט —
שיידט מען זיך מיט טרערן.

א פאַקל-צוג

קומען זיך די יונגעלעך,
מיט מיידעלעך צוזאַמען;
צינדן זיך די הערצעלעך,
די פּנימלעך אין פלאַמען.

שפּילן זיי אין ליבעניש
שפּאַצירן זיי אין פּאָרן,
קאָכט זיך אינם שטעטעלע:
אַ נייע וועלט געוואָרן!

טרעפט מען זיי אין וועלדעלע,
דערוויסט עס זיך דער גבאי, —
מאַכט זיך באַלד אַ טאַראַראַם —
ער קויפט זיך עולם-הבא.

איז עס נאָר אַ שוסטערל,
אַ נייטאָרן די כלה;
ווייזן זיך די מייסטערלעך,
און מאַכן באַלד אַ „יעלה".

איינער נעמט אַ בעזעמל,
דער אַנדערער — אַ שטעקן;
אין מען מאַכט אַ פאַקל-צוג —
דאָס יונגוואַרג אָפּצושרעקן.

מ'פּידט זיי דורך אין מיטן-מאַרק
מען לויפט צונויף אויף וווּנדער ;
אַלטע קאָפּקעס — גבאיטעס,
צעמוסרן די קינדער.

אַזוי שטילט זיך ס'שטעטעלע,
ווערט ווידער אַ גן-עדן ;
יונגלעך מיט מיידלעך
באַמערקט מען מער נישט ריידן...

נאָר דעם גבאיס טעכטערל,
באַהאַלט זיך פאַר די אויגן ;
און מען שמועסט פון איר בסוד —
מען האָט זי שלעכט דערצויגן...

ליבעס־טרערעלעך

יעדער מאָל שפּאַצירגדיק,
זיך אין וואַלד פאַרלירנדיק,
זומער-לעב פאַרנאַכט;
ציט מיך ווי אַ כּישוף,
צו דעם שטילן ישובֿ,
פאַרן גרויסן טייך.

די געבויקטע כאַטקעלעך.
בונט געפאַרבטע אין קראַטקעלעך
גלאַנצן פון דערווייט,
און די פרישע דירהלעך,
ניי-געשניצטע טירעלעך,
פונקלען קלאָר אין אויג.

אַלע שינדל-דעכעלעך,
שיינען פול מיט לעכעלעך
פון דער זון באַגילדס;
און דאָס ווערבע-ביימעלע,
אויסגעקרומט ביים ציימעלע,
ווינקט מיר צו מיט חן...

די באַוווינער — יידעלעך,
לעבן שטיל, ווי ברידערלעך-
מיען זיך באַנאַנד;
תמיד נאָר געהאָרעוועט,
אינם יאָך פאַרשנאָרעוועט,
קיינמאָל אײגדערהיים.

ווייט פון די קהלה-לייט,
לעבט מען זיך ווי שטילע-לייט
יעדערער פאַר זיך;
מען פאַרברענגט צופרידענע
יעדער מיט זיין יידענע,
און זיין הויז-געזינט.

יעדן שבת זעט מען זיך
קומט אָן זונטאָק—גייט מען זיך
יעדערער זיין וועג;
איינער צו די האַרעלעך,
איינער צו די פּירעלעך,
ווער, צו וואָס מען דאַרף.

נאָר די פרומע ווייבעלעך,
אין די לייכטע הייבעלעך
היטן אָפּ די קיך;
אויך די צוויי-דריי מיידעלעך
אין די לייכטע קליידעלעך,
לאָבעסן אַרום..

שפּרינגן פריילעך לאַכנדיק
פריי אַ קרענצל מאַכנדיק,
פוצן אויס די האָר;
רייסן רונד די בלימעלעך,
הילכן מיט די שטימעלעך,
אַזוי הויך און לויט...

טרעף איך יונג דאָס מעכטערל,
מיט איר זאַנפט געלעכטערל,
ציט מיך צו איר פרייד;
פיל מיך זיס, דערקוויקנדיק,

פון איר לוסט אנציקנדיק
קענען איר פארשעמט;

אירע גאָלדן לעקעלעך,
פורפור-רויט די בעקעלעך,
הארצן מיך באקריינט;
טויבן-בלוי די אייגעלעך,
פונקלען, ווי ביי פייגעלעך,
אזוי גוט און ליב...

פרום איר קול, איר לידעלע
צערטלט ווי א פידעלע,
תמימותדיק מיין ברוסט;
וויגט מיך אלץ פאמעלעכער
אין א חלום פריילעכער —
איך דערזע מיין גליק!

גיט זי נאָר א שמייכעלע,
שפיגלט זיך אין טייכעלע,
אויפגעפלאמט מיין בילד;
ס'פנים מיינס, צערייטלט זיך,
און מיין שטערן קווייטלט זיך
איינגעליבט אין איר...

מיינע ליבעס-טרערעלעך,
ווי בריליאנטן-פערעלעך,
קייקלען זיך אין שטראָם;
און ארונטערפאלנדיק,
קענען זון אויפשטראלנדיק,
זידן זיי אים אויף...

ווינע וועלן שווימענדיק,
זיך אין שפּרודל קרומענדיק,
קלעמען צו מיין האַרץ ;
און די רעדלעך דרייענדיק,
איילן זיך נישטזעענדיק
וועמעס טרער עס איז —

זיי צעלויפן שפּרינגענדיק,
ווייט די וועלט פאַרקלינגענדיק
מיט אַ ליבעס־טריומף ;
מיינע אויגן פייכטן מיר,
אירע בליקן לייכטן מיר,
טובלען זיך אין טרער.

משה זינגער

— א —

בײדע װאַרטן פאַרן טויער,
בײדע, זענען יונג און נעט;
אײנע אָבער, — אַ שאַטינקע,
און די צװײטע מילד-בראָנעט.

בײדע האָבן זיך פאַרדינגען,
בײדע, דינען אײן מאַדאַם;
אײנע אָבער איז אַ קבצן,
און די צװײטע איז אַן עם.

בײדע, קומען פון אײן שטעטל.
בײדע, האַלטנס פאַר גאַטס-שטראָף;
אײנע אָבער. שטאַמט פון שוסטערס,
און די צװײטע — פונם רב...

בײדע, װײסן זײער יוגנט,
בײדע, קענען זיך שױן לאַנג;
אײנע אָבער, איז צופרידן,
און די צװײטע, טוט עס באַנג...

בײדע, װאַרטן פאַרן טויער,
בײדע, זענען יונג און נעט;
אײנע אָבער — װי צום חופּה,
און די צװײטע — װי צום גט...

— ב —

די שאַטינקע איז געקומען,
פונם שטעטל ערשט די וואָך, —
זיך פאַרדינגען פאַר אַ קעכן;
און זי נעמט פאַרליב דעם יאָך.

קעגנאיבער ביי דעם חזן,
וווינט אַ שיינער יונגערמאַן
אוי, ווי וואָלט זי אים געוומען,
נאָר זי קאָן גישט — אָן נדן!...

יעדן מאָרגן, ווען זי עפנט.
אין די קיך דאָס פענסטער אויף —
שמייכלט ער איר אַ זיסן שמייכל;
נאָר זי ענטפערט נישט דערויף...

עפעס קענטיק איז זיין פנים. -
ערגעץ האָט זי אים געזען!
זאָל עס זיין דען משה זינגער!?
אויסגעפּראַנגט זיך אַזוי שען!

וואָלט זי אים פון נאָענט באַגעגנט -
אפשר וואָלט זי אים דערקענט;
אינם שטעטל האָט ער שטענדיק
איר די אויגן צוגעוועגדט...

— ג —

די ברונעטע איז אַנטלאָפן,
פונם שטעטל שוין אַ יאָר, — —
מיט אַ ווייטאָק אונם הערצן —

זישט נצווסט עס נאָך אויף קלאָר...

עפּעס זענען איר די קליידער
דאָך געוואָרן אַזוי ענג — —
משה זינגער איז אַנטקומען, -
איר געלאָזן מיט דער קרענק...

אוי, ווי האָט זי זיך געמאַטערט,
ביז זי איז׳ס געוואָרן לויז — —
קוים אַ האַלב יאָר ערשט אַריבער,
ווי זי דינט דאָ אין דעם הויז.

נאָר די צייטן הערט זי עפּעס,
פון אַקעגן דאָ אַ קול;
אַ באַקאַנטער איז דער ניגון —
אים געהערן מוז דאָס מויל!..

וואָלט זי אים פון נאָענט געטראָפן —
ווייזן וואָלט זי אים אַ קינד!
זאָל ער זי צענאַר נישט מאַכן —
ז׳איז שוין מערער נישט קיין קינד...

— ד —

ביידע וואַרטן פאַרן טויער,
ביידע, זענען יונג און נעט;
איינע אָבער, פילט איר צניעות,
און די צווייטע, פילט איר חטא...

קעגנאיבער, נעבן פענצטער,
שטייט דער יונגערמאַן און קוקט. —
ווי זיי וואַרטן אויף אים ביידע —

שפירט זין טאָפּלט צוגעדריקט...

זיי באַגעגנען זייַנע בליקן,
און דערקענען זיין געשטאַלט –
– משה זינגער! – משה זינגער! –
האָט אין גאַס אַדורכגעשאַלט...

ביידע, איילן איבם טויער,
ביידע, זענען יונג און נעט;
איינע אָבער – ווי אַ מלאך;
און די צווייטע – ווי אַ שד!..

די שיינע זלאַטקע

בײַ דעם קלאָרן װאַסערל,
שטייט אַ קרומע כאַטקע.
דאָרטן אינם אַלקערל
װױנט די שיינע זלאַטקע.

אירע באַקן — רױזעלעך,
שמײכלען מיט חן־גריבלעך;
אירע אױגן לעבעדיק,
צערטלען אַזױ ליבלעך.

אירע האָר צעפּלאָכטענע,
פּײכטע פֿונם קעמען —
גלאַטיק־צאַרט דאָס העלדזעלע,
האַרצט אַרומצונעמען.

אײדל־װײס די הענטעלעך.
אױפֿגעשאַרצט אינגאַנצן;
שלאַנקע פֿיסלעך, באָרװעסע,
שטענדיק גרייט צום טאַנצן.

װען מיר גייען, בחורים,
זומער־לעב זיך באָדן -
טרעפֿט מען זי בײַם לופּטשיקל
מאַכן צו דעם לאָדן

ציט מען נאָר די הייזעלעך,
פון די פיס אַרונטער —
הילכט שוין איר קולעכל,
מאַכט אונדז אַלע מונטער.

קליידט מען אויס זיך נאַקעטע,
לערנט מען זיך שווימען;
רייצט אונדז איר געלעכטערל —
אַז ס'איז אומצוקומען!

שפּילט מען זיך אין „קאַטשקעלעך".
גייט מען אויף די קניען —
קלינגט איר בראַוואָ-פּאַטשעריי,
אַז די הערצער גליען...

מאַכט מען ווער אַ קאַזשעליק, —
כיכעט זי אין „שפּאַרע"...
מען דערהערט איר צוויטשערן
נעמט אַרום אַ פּאַרע!...

בדיקט מען דאָס וועטעניש.
ייט מען צוריק פון טייכל —
וואַרט זי אָפּ ביים גאָניקל,
וואַרפט אונדז צו אַ שמייכל.

מאַכט איר ווער אַ חנדלע. —
ציטערט אויף איר הערצל...
זי פאַרדעקט זיך שעמעוודיק
ס'פּנים מיטן שערצל. —

רופט זי ווער אין גערטנדל —
כעסט זי זיך דערצונדן

און פֿאַרקלאַפּט דאָס „פּאָרטקעלע“,
ווערט דערין פֿאַרשוווּנדן...

דאָך אויף מאָרגן פֿאַרנאַכט,
וויזט מען זיך ביים וואַסער;
לויפֿט זי דורך אַ ברוגזע
שענער נאָך און בלאַסער...

שטעלט זיך אין באַהאַלטערל,
הענגט די שויבן איבער:
און צעפּייפּט זיך שיקסעריש —
אַז מען כאַפּט אַ פֿיבער...

אַזוי לעבט די בחורטע,
רייטלט זיך אין שטילן;
מאַכט צענאַר די בחורים,
ווייל קיין שפּילן!

חנה־רויזע

שבת נאכן מיטאָק,
אָפּגעגעסן קוגל,
שטעלט זיך חנה־רויזע
אין דער קיך צום שפּיגל.

קאַמט זיך גלייך די לאָקן,
קנעפּלט צו די בלאָזע;
שפּרינגט דערפרייט צום פענצטער—
קוקט ארויס מיט העזה...

שטייט אַקעגן יוסקע,
רופט זי מיטן פינגער —
שענקט זי אים אַ שמייכל,
מאַכט דאָס האַרץ אים גרינגער...

כאַפּט אויף זיך דאָס טיכל,
הענגט דעם ריגל איבער;
לאָזט די לאָדן אָפן —
איילט צו אים אַריבער.

בעט ער זי שפּאַצירן,
וויל מיט איר צעשמועסן —
לאָזט זי אַלץ אויף הפקר,
מעג עס וועם פאַרדריסן...

טרעפט זיך אַ גנבה,
האַקט מען איבער ס'שלעסל;
האָט זי אַ מפּלה,
הילכט דערמיט דאָס געסל.

אַלע ווייבער שכנות,
וואַרפן בייזע בליקן —
זאָלצן איר די וונדן,
לאָזן זי דערדריקן — — —

אַזויליידט זי נעבעך
וואָכנלאַנג אַ דולע —
קומט נאָר שבת ווייטער,
שיינט זי פון גדולה...

דער יונג

ליבן איז אַ נאַרישקייט,
מען מוז נאָר זײַן אַ יונג!
ווײַל מען נאָר אַ מיידעלע —
באַדאַרף מען נאָר אַ ווונק...

דרייט מען זיך די וואָנסעלעך—
דערזעט מען גאַנצע טוץ;
וואַרפט מען מיטן שטעקעלע—
פאַרכאַפּט זיי באַלד אַ היץ...

ציט מען פאַר זיי ס'היטעלע,
דערצינדט זיך זיי די ברוסט;
דריקט מען זיי בײַם הענטעלע
פאַרברענען זיי אין לוסט...

ווייזט מען זיי אַ שמייכעלע —
פאַרפלעכטן זיי די צעפּ;
מאַכט מען זיי אַ חנדעלע —
פאַרדולט מען זיי די קעפּ...

גיט מען זיי אַ צאַצקעלע —
פאַרליבן זיי זיך באַלד;
זאָגט מען זיי נאָר: ליובעניו!
שפּאַצירט מען שוין אין וואַלד

פירט מען זיי געאָרעמטע —
פאַרקריכט מען אין געביש;
שטרעקט מען אויס דאָס בוזשעלע
באַקומט מען באַלד אַ קוש...

לייכטן העל די נעכטעלעך —
פאַרגעסט מען אָן די צייט;
אויף די שטילע וועגעלעך,
פאַרלירט מען זיך אין פרייד...

ווערט אין שטאָט אַ ריידעניש
פאַרבייסט מען מיט דער צונג׳
ליבן איז אַ נאַרישקייט,
מען מוז נאָר זיין אַ יונג!...

צירל

צירל איז אַ גאַנצע פריילן,
ווייסט זיך, ווי צו פירן;
האַלט זיך שטענדיק במדרגה —
ליבט נישט פיל שפּאַצירן...

נעבן פענסטער, אין איר צאַלקער,
טרעפט מען זי אָפט זיצן;
מיט אַ שמייכל אויף די ל ,
אין די אויגן — בליצן...

אירע האָר געקרויזט אין לאָקן,
ערשט נישט־לאַנג געצוואָגן;
ריין געפּלעט די ראָזע בלוזקע,
גלייך ווי נישט געטראָגן.

אירע שלאַנקע אַקסל צוקן,
אירע ליפּן ציילן;
וואַרפט די שפּיזלען, דרייט דאָס זעקל
נישט קיין „אויג” פאַרטיילן...

גייט פאַרביי פאַר איר אַ בחור —
בייגט זי איין דאָס קעפּל;
ס׳רייטלען איר פאַרשעמט די באַקן,
ווי די פרישע עפּל...

אירע פינגער הייבט זי העכער,
קרומט זיי ווי אין פיבער;
ווי זי וואָלט זיך וועלן בריהן,
ווייזן זיך וואָס ליבער...

קומט זי ערגעץ אויף אַ שמחה—
פרעמדט זי זיך צו אַלע;
זעצט זיך ליבלעך אין אַ ווינקל—
נענטער צו דער כלה...

אירע אויערינג – ריינע פערל,
אַבי נאָר פאַר לייטן — — —
די געגילטע בראָש אָן שפּריצל —
בעט זיך צום פאַרבייטן.

ביידע צעפּ מיט באַנד פאַרפלאָכטן
פיין געקרויזט די לאָקן;
ווענדט זי אַלעם צו דאָס פּנים,
שמייכלט זאַכט, צעשראָקן...

בעט איר עמעץ צו דעם טאַנצן—
פאָלגט זי אים נישט גערן;
שטעלט די פיסלעך שטיל, געלאַסן
וויל זיך נישט באַרשווערן.

דאָך פאַרגעסט זי זיך אַ רגע —
מוז דער עולם שטויגען!
זיך בשמחהן, זיך צעפלעסקען,
זי מיט בראַוואָ קרוינען.

זעלטן אָבער איז מען זוכה:
זי צו זען אין קרענצל —

באַלד פאַרנייגט זי זיך בתמימות:
— נישט מיין מצווה־טענצל!...

דאַרף זי וואָס אין מאַרק צו האָבן—
האָט זי מיינט צו לויפן;
שלייכט זיך שיקלעך, ציילט די טריטלעך:
איינס און איינס — צו קויפן...

אירע קליידער אָן אַ פעלדל
אייביק גראָד, ווי בייע;
אירע שיכלעך — גאָלע צאַצקעס —
גלאַנציק, אַ מחיה!...

אָנגעקליידט אין ווייסע האַנטשן,
מיטן שלעפּ פאַרהויבן;
טראָגט זי פאַרן קנאָפּ איר שירעם,
לאָזט אים נישט באַשטויבן...

ס'מאָדע־היטל פריש פון נאָדל,
קוים פון קראָם גענומען;
ווער עס זעט זי אין דעם גענגל —
מוז איר האָלד באַקומען!...

הייבט די ברעמען נישט פאַר קיינעם,
רירט זיך ווי א פאַווע...
ווי זי וואָלט דעם עולם רייצן:
— כ'האָב שוין מיין „וויפּראַווע!”

די שכנים נייען בייטלען,
שלאָגן אָפּ די טירן — — —
צירל איז אַ גאַנצע פריילן,
— רייסט זיך ווי צו פירן!...

ס'וועט ר־עגנען

יעדן פרייטיק פאַרנאַכט צו
גייט די זון באַר אונטער —
ווייזט זיך רייזל פאַרן טויער:
איילט צום טייך אַרונטער.

מיטן איימער אין דער האַנט,
אָנגעקליידט אין רייבעס;
קוקט זי זיך אַרום אין גאַס —
היט זיך פאַר די שכנים.

זעט זיך קיינער נישט אַרום —
קוועלט זי פון גדולה,
שפּרינגט פאַנאַנדער זיך אין פרייד.
לויפט אַוועק אַ דולע...

טרעפט זי שלמהקען אויפן בריק,
ווינקט ער מיט די אויגן —
שפּרייט זי אויס די הענט צו אים,
ווערט ווי צוגעצויגן...

ביידע נעמען זיך אַרום,
טוליען זיך צוזאַמען;
האַלדזן זיך און קושן זיך —
אַז די הערצער פלאַמען.

ליפּן קומען זיך צונויף
טרעפן זיך אַקעגן;
ערגעץ הילעכט אָפּ אַ קול:
— ס'וועט נאָך גיין אַ רעגן!...

באַשערטע

ער — גדליה, זי — דבורה,
ביידע — יונגע קינדער;
פאַר די טאַטע־מאַמע מורא,
חנט מען זיך באַזונדער...

ער — אַ בחור, זי אַ מיידל,
ביידע — חתן־כּלה;
שפּאַנט מען שבת זאַכט אין איידל,
פריי אין גאַס פאַר אַלע...

ער מיט פּאות, זי אין שערצל,
ביידע זאַנפט, פאַרקלערטע,
קלאַפּט פאַרחלומט זיי דאָס הערצל —
מ׳אייגלט זיך באַשערטע...

ער פאַרצויבערט, זי באַגייסטערט,
ביידע ווי׳ן גן־עדן;
שלייכט מען דורך באַמייסטערט,
שעמעוודיק באַשיידן...

ער — גדליה, זי — דבורה,
ביידע — יונגע קינדער;
פרום ביי לייט, געבענשט ביים בורא
האַרצט מען זיך — אַוודער!...

אַ שאַלטעק

בין איך מיר אַ שאַלטעק —
אמת אַן אַנטיק!
יעדע וואָך — אַ מיידל
איז פֿאַר מיר אַ גליק...

טרעפֿט זיך מיר אַ ליאַלקע,
הוליע איך מיט איר, —
מוזן אַלע יונגען
פּלאַצן קעגן מיר...

פּאַק איך אַ קאָקעטקע,
טרעט איך זי נישט אָפּ —
זאָלן אַלע מיידן
גיין דעם קאָפּ אַראָפּ..

כאַפּט זיך מיר אַ קעצל —
טרייב איך מיט איר שפּאַס;
מאַך מיט איר אַ ברוגז
באַלד אין מיטן גאַס...

שיקט זיך מיר אַ שוואַרצע —
אַרט מיך נישט דער פּוש;
אין די שטילע ווינקלען
פֿיילט מען זיך די קוש...

מאַכט זיך מיר אַ דיקע —
פיר איך איר צום מיל;
שפּיל מיט איר אַ ליובקע,
טאַקע ווי איך וויל...

קריג איך אַ חכמה —
ווייז איך איר די וועלט;
זאָג איר צו אַ תּנאים,
נאַר איר אויס דאָס געלט...

גליקלעך גייט מיין יוגנט,
הייליק יעדער סוד;
שטעל צום סוף אַ חופּה
מיט אַן אַלטער מויד...

שרהל׳ע

שרהלע די שיינע,
קעכלט זיך אין גאַנג;
שלייכט זיך דורך די גאַסן
שטענדיק שלינג און שלאַנק...

ווינטער — אין די אָוונטס,
זומער — גאַנצע טעג;
טרעפט מען זי שפּאַצירן
אויפן ברייטן וועג —

פלאַמט די זון אין פּורפּור
ווייסלט זיך דער שניי
קוויקט זי זיך בתמימות,
אָטעמט לייכט און פריי...

בליען בונט דיביימער,
וועלקן זיי ווי איין —
שיינט זי אַלץ די זעלבע,
מינערט נישט אין חן...

אויסגעפּוצט גרויסאַרטיק,
נאָכן לעצטן שיק —
רייטלט זי בצניעות,
פאַר יעטוועדנס בליק...

פֿריש געקרויזט די לאָקן,
גלאַט געקעמט דעם צאָפּ;
גוידערט זי דאָס העלדזל —
זאַנפֿט באַוועגט דעם קאָפּ...

הייבט מיט טאַקט די פּיסלעך,
לאָזט זיי זאַכט אַראָפּ;
מעסט און ציילט די טריטלעך —
גילדט זיי ממש אָפּ!...

האַלב פֿאַרמאַכט די ברעמען,
פֿיין פֿאַרשנוירט דאָס מויל;
שמייכלט זי געמיטלעך —
היט זיך פֿאַרן קול...

אויפֿן האַנט — אַ בײטל,
ס'היטל — אויף אַ זייט;
קערט זי זיך פֿון יעדן —
מעג ער זיין ווי ווייט — — —

אירע אַקסלען צוקן,
אירע באַקן גלין;
גייט פֿאַרביי אַ בחור —
מוז ער זיך פֿאַרקבין...

צפור־הקע

צפורהקע איז אַ שיינינקע
זענען מודה אַלע;
דאָך זוכט איר נישט קיין איינציקער
בעמצן פאַר אַ כלה...

די באַקן ברייט און שמייכלדיק –
רויטע פּאָמעראַנצן;
דער גוידער מיט אַ בראָדעווקע
חנדלט איר אינגאַנצן...

די אויגן, פייכט און תמעוואַט,
פינטלען קוים דערזהויבן;
די ליפּן קרום און רירעוודיק, —
זעלטן וואָס צו גלויבן...

דער קערפּער, פול און קיילעכיק,
שווערלעך צו באַוועגן,
דער בוזעם, הויך און צאַפּלדיק,
וואַרעמט הייס אַקעגן...

די לאָקן, שוואַרץ, געקרייזלטע,
פאַלן איר אין פּנים;
באַגריסט איר ווען אַ יונגערמאַן –
קריגט זי כּל־סמנים...

אַ מלאכל

אַ מיידעלע, אַ מלאכל,
ליבלעך און געשיקט;
דערזעסטו נאָר איר שמייכעלע
פילסטו זיך באַגליקט...

די בעטעלעך געבייטלטע —
עפל פריש און זיס;
דערכאַפּט דיר פראָסט ס'הערצעלע
ביסט אין פּאַראַדיז...

די אייגעלעך בריליאַנטענע
ווינקן שטראַלן-ריין;
צעטומל דאָך פון בחורשאַפט
טובל דיך אין שיין.

די ליפּעלעך געפּורפּורטע,
רויזן-דופט אין מאַי;
פאַרגעס דיך נאָר אין צניותשאַפט
קוש זיי פראַנק און פריי.

די לאָקעלעך גינ-גאָלדענע!
קרויזלען לייכט אין ווינט;
צעפלאַטער דיך אַ שיכורער
לייטער דיך פון זינד...

די הענטעלעך פאַרלאָקערן
איידל ווײַס און צאַרט;
געטרוי דיך אין די קלאַמערן —
האָסט געגויג געוואַרט!...

די שולטערן פאַרצאַפּלטע,
גליִען הייס און פעסט;
אומאָרעם זיי מיט בריהשאַפט —
ביסט דאָך נישט געפּרעסט!

דאָס העלדזעלע קריסטאָלערן,
וואַרעמט אום און אום;
פאַרטוליע דיך אַ גליקלעכער —
האַלדזט דײַן גליק אַרום.

צו תשליך

ראש־השנה, פארנאַכט־צו,
גייט מען צו די תשליך, —
שטאָך איך אָן די אוירינגלעך,
מיט די בלאַנקע מעשלעך...

הענג מיר אָן דאָס בראָשקעלע,
שלייף אַרום די קרעלן;
וועט מיך זען מיין האַרצ־קער —
לאָמיך אים געפעלן...

קום איך פאַרן בריקעלע,
שטעל מיך ביי דער מאַמען;
טרעף איך באַלד מיין איינציקן —
בין מיט אים באַזאמען.

גיי איך צום געלענדערל,
וואַרף אַ בליק צום טייכל —
רייטלט זיך זיין פּנימל
קעגן מיר מיט שמייכל —

שלענגלען זיך די ח עכלעך,
פונם ווינט געבלאָזן, —
קרייזלען אים די פאַהלעך,
ווי אין פעלד די גראָזן.

גראָבט ער זיך אין סידורל,
מישט די ווייסע בלעטער —
הייבט זיך מיר דאָס בלאָזקעלע
אינם לינדן וועטער.

גלייכט ער אויס זיין קעפעלע,
ווענדט מיר צו די בליקן —
פלאַטער איך אַ גליקלעכע,
גרייט צום האַרץ אים דריקן...

שענקט ער מיר אַ חנדעלע,
ניקט מיר שטיל אַריבער —
קעם איך גלאַט די הערצלעך,
ענטפער אים וואָס ליבער.

צונדן זיך די וואָלקענעס,
גליען רויט אין פייער —
גרוסט מען איינס דאָס אַנדערע
טאָפּלט טריי און טרייער.

רופט מיך אָפּ די מאַמעניו
קוואַקן לאַנג די פרעשלעך —
ראש-השנה פאַרנאַכט-צו
גייט מען צו די תשליך...

אַ כלה־חלום

די טאַטע-מאַמע האָבן מיך פערקנסט.
דעם חתן האָב איך נאָך נישט רעכט געזען,
אויף פסח וועט ער זיין ביי מיר צו גאַסט
ער מוז זיין קלוג! ער מוז זיין שיין!

די אויגן ביידע ווי בריליאַנטן העל,
די סאַמעט-באַקן — רויזן אויפן פעלד;
באַווייזט ער זיך נאָר איבער אונדזער שוועל —
ווי ליכטיק, גוט, וועט זיין מיין וועלט!...

ער וועט מיר שמייכלען, רייטלען זיך אין חן,
פאַרשעמט מיר וואַרפן פון דער זייט אַ בליק
און וועט מען בלייבן איינציק נאָר אַליין —
אַ גליק וועט זיין פאַר מיר, אַ גליק!

ער וועט מיך פריינדלעך נעמען פאַרן האַנט,
זיך ליבלעך זעצן נעבן מיר ביים טיש,
און וועט מען ווערן נענטער נאָר באַקאַנט —
ז'ערריידן וועט מען זיך מיט אַ קוש...

איך וועל אים האַרצן, פאָלגן יעדן ווונק,
אַ שלאָס וועט הענגען ביי מיר אויפן מויל;
וועט עמעץ קנייסן וועט זיין דעמאָלט צונג —
עס וועט זיין גוט! עס וועט זיין וווּל!

ערב-סוכות

די בחורים שטעלן די סוכות,
און קלאַפּן די ברעטער באַנאַנד;
די פּאָלעס, די גאַרטלען, פּאַרקויטיקס,
די פּנימער ערנסט געשפּאַנט.

יעטוועדערער שפּיגלט די צורה,
דערפילט זיך פאַרשמאַכט און געקרענקט;
ווען ס'וואָלט אים די כּלה געטראָפן,
ווי וואָלט ער בחנם געבענקט...

די מיידעלעך שייערן די פענצטער,
און ווישן די שויבן אַרום;
די קליידער און שירצן פאַרשמאָדערט,
די פּנימער בלייכע און שטום...

יעטוועדערע קינצלט דעם קנוידער,
דערזעט זיך געקלעמט און פאַרשוואַרצט
ווען ס'וואָלט זי דער חתן באַגעגנט,
ווי וואָלט אים צו איר נישט געהאַרצט

קוים טרעפן זיך ווען זייערע בליקן —
דערפרייען זיך אַלע פון גליק;
מען שמייכלט זיך ליבלעך פאַנאַנדער —
מען טרייסט זיך געשמייכלט צוריק...

דער שענסטער

משולם איז אין שטעטעלע,
דער בעסטער און דער שענסטער;
באוויזט ער זיך אין געסעלע —
באלאגערט מען די פענצטער...

מען שארט צונויף די פארהענגלעך,
מעןווישט ארום די שויבן;
און ס'שטופן זיך די מיידעלעך —
די אויגן נישט צו גלויבן...

עס פלאמען אויף די בעקעלעך
צעגרויטלט, פול מיט לעבן:
מען זאל אים נאר, חלילה, נישט
קיין עין-הרע געבן...

ארויפגערוקט דאס קאשקעטל,
אנטפלעקט דעם הויכן שטערן;
שפאצירט ער זיך די גאס פארביי—
צו קיינעם זיך צו קערן...

באוועגט ער לייכט דאס קעפעלע,
פארפלאנטערט אין מחשבות;
צעשאקלען אים די פאהלעך —
אז ס'איז גאר א קאטאוועס...

עס חנדלט אים דאָט פּנימל,
עס רוט דערויף די שכינה;
די ליפּן ווי בּיים דאַווענען, —
קושט אויס אים יעדער מינע...

מען צאַפּלט נאָך זיין טריטעלע,
מען ציטערט ווי אין פיבער;
קוים טראָגט זיך פון בית־מדרשל,
זיין הוסטעלע אַריבער — — —

מען כאַפּט זיך צו די שפּיגעלעך,
די הערלעך צו פאַרקעמען;
הויבט אפשר ער די ברעמעלעך —
זאָל אים דאָס אויג פאַרנעמען!...

מען וואַרפט אַוועק דאָס קימעגדל,
דאָס קאָכן און דאָס שוימען;
מען לאָזט פאַרברענט די מיטאָקן—
מען זאָל אים נישט פאַרזוימען...

מען הצלט זיך איין פון אָטעמען,
מען שעמט זיך פאַרן ליאַרעם;
מען שטעכט אים דורך מיט פייערלעך—
אַז... גאָטעניו דערבאַרעם!...

ביים חתן־בריוועלע

דער חתן האָט אַ בריוועלע,
דער כלה צוגעשיקט;
און נעמט זי דאָס אין הענטעלע
דערפילט זי זיך דערקוויקט...

זי עפנט׳ס אַ צופרידענע,
זי לייענט עס אויפן קול;
עס דוכט זיך איר, די ווערטעלעך
זיי קומען פון זיין מויל...

זי קוקט אַרום דאָס כתבעלע,
באַטראַכט עס אות־באות —
עס שיינט איר פון די שורהלעך
זיין טייער האַרץ אַרויס.

ער רופט זי דאָ „מיין ליובעניו״,
„מיין שאַץ״, „מיין קרוין פון קאָפּ!״
זי הערט זיך צו די חנדלעך —
פאַרשטייט זיי, יעדן טראָפּ...

זי טרעפט אַ רונדיק פלעקעלע,
אַ טרערל מוז עס זיין! —
ער איז מסתּם פון בענקעניש
צעגאַנגען אין געוויין...

דאָס שרייבט ער איר „מיין גאָלדעניו"
די גימל איז פאַרווישט —
ער האָט עס פון פאַרליבעניש
אַוודאי אויסגעקושט...

זי נעמט עס צו די ליפּעלעך, —
דערשפּירט דערויף זיין הויך;
עס צינדט איר אָן מיט האָפענונג,
צו האַלדזן אים ווען אויך...

און לייגט זי זיך אין בעטעלע,
דאַן דריקט זי דאָס צום ברוסט
און דרימלט איין אַ גליקלעכע
פאַרטוליעט זיך אין לוסט...

די כלה־מויד

דער טאַטע — אַ משולח,
איז זעלטן ווען צו הויז;
און קומט אַפילו שבת
פאַרברענגט ער אויך אין קלויז..

די מאַמעניו — א ווירטין,
איז שטענדיק אין דער שטוב:
און קומט אַפילו יום־טוב
פאַרלאָזט זי נישט דאָס גרוב.

די קליינע קינדער — שוואַכע,
פאַרוועלקטע פון דער צייט;
פאַרנוצן מער רעצעפּטן —
וויפיל זיי דאַרפן ברויט...

די טאָכטער נאָר, די עלצטע,
געקליידט אין שענסטן פוץ;
פאַרשיינט דאָס גאַנצע שטיבל,
צעבאַלעוועט פון גוטס...

מען גיט איר נאָך אין אַלעם,
מען פירט זיך מיט איר ברייט;
און ביז זי ווערט אַ כלה —
פאַרגייט די שטוב אין לייד...

ראַשקע

ראַשקע איז אַ מויד, אַ ווילע.
האָט אַ טוץ התנים;
זיי יעטוועדן צו געפעלן
האָט זי פיל אופנים:

דעם געפעלט זי מיט איר חנדל,
דעם — מיט אירע לידער:
מיט דעם שמועסט זי, מיט דעם גייט זי,
מיט דעם טאַנצט זי ווידער.

אירע באַקן בלוט און מילך,
רייטלען מיט חן-גריבלעך;
און די שוואַרצע אויגן ברענען
אָנגענעם און ליבלעך...

מעג מען זיין דער גרעסטער בריה
ווערט מען אָנגעצונדן.
ווען זי גייט אַרויס שפּאַצירן
אין אַ טאָג, אַ לינדן...

גריסט באַנאַנדער די בחורים,
ענדערט גישט די מראה, —
יעדער ענטפערט מיט אַ שאָקל
ווי אַ תנא-ברא...

טרעפט מען אָבער זי צוזאַמען,
מיט די גוטע־ברידער —
ווערט עס פינצטער פאַר די אויגן
פונם בייז האַרמידער...

מען פאַרחלשט, מען פאַרצאַפּלט,
פאַר איר זיסן שמייכל;
ווער עס זעט זי פון דערווייטן —
נעמט אים אָפּ דער שׂכל...

מען באַהאַלט אין האַרץ דעם ווייטאָק
קיינער זאָל נישט וויסן —
אַז מען האָט אויף איר געצרעכנט
ס'לעבן זיך פאַרזיסן...

מ'שעמט זיך גאָר דערפון צו קלערן,
פונם פאַרגעניגן —
אַזאַ מלאך, אַזאַ געטין,
פאַר אַ ווייב צו קריגן...

נאָר זי ווייסט נישט פון דעם אַלעם
פוצט זיך אויס ווי מעגלעך;
און פאַברענגט מיט גוטע־ברידער,
אין גדולה טעגלעך...

איילט קאָקעט דעם מאַרק אַריבער
לאַכט זיך אויס פון אַלע;
נעמט יעטווערן דורך מיט נחת —
ס'איז געוויס זיין כּלה.

שלייכט מיט שטאָלץ פאַרביי דעם עולם,
מאַכט די מיידלעך קנאה

אַז די גראָבע מויד, די אַלטע
ציט זיך צוריק מיט שנאה.

זי דערקענט שוין אירע פרייערס,
ווייסט זיי שוין צו נעמען;
און פאַרלעבט אין פרייד די יוגנט
לאָזט איר הארץ נישט קלעמען.

איז אַ חתונה אין שטעטל,
צי אַזוי אַ טענצל;
איז זי דאָרטן פון די ערשטע —
פירט דאָס גאַנצע קרענצל...

אַלע בחורים זענען גליקלעך,
ברענגען איר מעדנים — — —
ראַשקע איז אַ מויד, אַ ווילע,
האָט אַ טוץ חתנים.

ד־הערצקע

הערצקע איז אַ בעל־עגלה
האָט אַ פערד און בריטשקע;
אַלס אַ בחור אין שדוכים —
קנאַקט ער מיט דער וויטשקע!

אַלס אַ בחור אין שדוכים —
פייפט ער אויף אַ כלה!
קאָמט זיך גלאַט די וואָנסן, זיינע —
וויל געפעלן אַלע.

קאָמט זיך גלאַט די וואָנסן, זיינע —
קרייזלט זיך די גזשיבע;
ווען ער פאָרט פאַרביי דאָס הייזל,
ווו עס דינט זיין ליבע...

ווען ער פאָרט פאַרביי דאָס הייזל,
ווערט ער עפּעס שטייפער;
זיינע באַקן — פּאָמעראַנצן,
רייטלען זיך וואָס רייפער...

זיינע באַקן — פּאָמעראַנצן,
גלאַנצן פונדערווייטן;
אים פאַרווילט זיך זען איר שמייכל
פריינטלעך אים באַגלייטן...

אים פאַרווילט זיך זען איר שמייכל,
און ער הייבט אָן טווישטשען;
זאַכט צעשפּרייט זיך באַלד די פאָרהאַנג
און צוויי אויגן בלישטשען...

זאַכט צעשפּרייט זיך באַלד די פאָרהאַנג
און, ער ווערט דערצונדן.
גיט אַ צי מיט כּוח די לייצעס —
ווערט פון אויג פאַרשוווּנדן...

גיט אַ צי מיט כּוח די לייצעס,
ווייזט אַרויס זיין גבורה;
אַז די בעלי-עגלות, אַלע,
האָבן די פּגירה.

אַז די בעלי-עגלות, אַלע,
זענען אים מקנא;
נאָר, ער לאַכט זיי אויס מיט גאווה,
איז זיין שאַץ מהנאה...

נאָר, ער לאַכט זיי אויס מיט גאווה,
שטעלט זיך אויף אין בריטשקע;
אַלס אַ בחור אין שדוכים —
קנאַקט ער מיט דער וויטשקע...

ת י ק ו.

פונם זילבער-קלאָרן, קריסטאָל-בלויען הימל,
קוקט די פלאַמיק-רויטע פורפור-זון אַרונטער,
איבער פרילינג-לאַנדשאַפט, בונט געצירטע פעלדער...

אויפן זאַמדיק-געלבן, שמאָל געדרייטן וועגל,
גייט אַ כשר-פרומער שלאַנק באַחנטער מתמיד;
אויסן בית-המדרש אומבאַוווּסט פאַרוואָגלט...

אויסגעקרומט דעם רוקן — מיט די הענט אין גאַרטל,
אָנגערוקט דעם שטערן — חריפותדיק פאַרמוחט;
האַלב-פאַרמאַכט די ברעמען — טיף און זיך פאַרגראָבן

זיינע טריט געמאָסטן — גלייכן די רעיונות,
ביידע וואַנדלען ערגעץ, אין די ווייטע וועלטן —
אין די ימים-אוצרות פון די מעשי-בראשית...

פלוצלינג שיינט זיין פנים, פרישערער — זיין אָטעם,
זיינע אפל פינקלען, זיינע ליפּן שמייכלען;
רויזן-פארביק שטראַלן זיינע הדס-באַקן...

גאָט האָט אים דערהויבן, צו די העכסטע שטאַפל,
אים אַנטפּלעקט, באַוויזן אַלע רזי-קודש;
אָפּן איז געוואָרן אים די שווערסטע תיקו...

אויסגעגלייכט די אַקסל, דרייסט דעם קאָפּ געשולטערט
קוקט ער זיך אַרום אויף גאָטס געהייליקט וועלטל, —
פלאַטערט אויף באַגייסטערט אין אַ זאַנפטע תפילה...

ווי אין שטילן טייכל — רויק און געלאָסן —
טראָגט זיך לייכט א שיפל נענטער צו יבשה —
אזוי זאַכט און זיכער זעגלט ער צום תּירוץ...

אַלע זאַנגען-בייטן, טוי באַדעקטע גרינסן,
ווי די שלאַנגען-וועלן נעבן פלאַכן באָרטן —
הוידן זיך און שאָקלען אינם בשמים-ווינטל...

צווישן צייטיק הויכן, גאָלד-באַגלאַנצטן קאָרן,
טאַנצט אַרום אַ שיינע, פרום-פאַרשעמטע בתולה —
קרויזט די האָר צעוואָרפן, בלאָנד-געקאַמט די לאָקן.—

זוכט און זאַמלט קווייטן, צאַרטע יונגע בלימלעך,
פלעכט זיי קונציק איבער, אין אַ דופּטיק קרענצל, —
פאַר איר הייס-געליבטן, האַרציק-טרייען חתן...

פון איר שטיפעריש, פאַרכּשופטן געלעכטער,
רייצן אויף פאַרהילעכט, לעבעדיק און לוסטיק -
אַלע האָניג-טרעלן פון די פעלד-כּלי-זמרים...

שווטום די ליפּ פאַרביסן, בלייך דעם קאָפּ געבויגן,
פענדט זיך אָפּ דער בחור צוריק צום בית-המדרש, —
צדערט פּנטט די שפּייון צו דער אָפנער גמרא...

שוידערט אויף פאַרביטערט — ציטעריק און פיבער,
סודותדיק פאַראומערט פינצטער פאַר די אויגן,
ווי פון אים פאַרשווונדן וואָלט דער רוח-הקודש...

אויסן בראָנזיק-בלאַנקן אַנגעצונדנעם מעריב
גלעטן אים די פּלייצעס, צערטלען אים און טרייסטן,
גרוסן זיך פאַנאַנדער סילעצטע מאָל די שטראַלן..

האַרץ און דופק קלאַפּן, ספקות פול צעטרייסלט,
שלעף און מוח געבערט פונם נייעם תיקו —
קיינמאָל צו דערווייזן קיינמאָל צו דערפאָרשן...

אינהאלט

אָוונט-שפּאַציר	9
פאַרן מזוג-זוּוגים	10
נדן	14
אָלאַ היינע	16
אַ ליבע-דערקלערונג	17
שבת-ליבע	22
שבת אין דערפעלע	28
שבת-פאַרגעניגן	31
אַ פּאַקל-צוג	33
ליבע-טרערעלעך	35
משה זינגער	39
די שיינע זלאַטקע	43
חנה-רויזע	46
דער יונג	48
צירל	50
סוועט רעגענען	53
באַשערטע	54
אַ שאָלטעק	55
שרהלע	57
צפורהקע	59
אַ מלאכל	60
צו תשליך	62
אַ כלה-חלום	64
ערב סוכות	65
דער שענסטער	66
ביים חתן-בריוועלע	68
די כלה-מויד	70
ראַשקע	71
הערצקע	74
תיקו	76

הויפט = פארקויף
קאָפּ. „ביכער"
Warszawa, Nałewki 2a